STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02649

ALT-NAY

Pine Twersky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אילוסטרירט פון פּערל סוקאָניק.

פאַרלאַג, ה. ל. מייטעס און זון.
שיקאַגא, 1930

COPYRIGHT By J. PINE

אלט-ניי

מיין חבר'שן האַנטדרוק דעם אינזשענער,
טעאָדאָר וויינשיינק, וואָס האָט דער־
מעגלאַכט דאָס אַרויסגעבן פון מיין בוך.

פּ. ט.

THE TEPPER PRESS
1307 West Roosevelt Road
Chicago - U. S. A.
446

אינהאַלט:

שוואַרץ־הויטיקער ברודער. — 13

ערב יום־טוב. — 14

דער גלאָק. — 15

איך וויים... — 16

און בלאָנדזשע איך. — 17

ווייאָמינג. — 18-19-20

סעפּטעמבער. — 21

האַרבסט. — 22

יוני־נעכט. — 23

צו אַ מיידל. — 24

ליד פון האַס. — 25

אומרו. — 26-27-28

דרייסיק יאָר. — 29

שטערן. — 30

אָנזאָנג. — 31

שיקאַגע. — 32

שטאָט. — 33

ביכער. — 34

ברודער! — 35

מיר. — 36

אַ פרוי וואַרט אַף מיר. — 37-38-39

פאַראַאָט. — 40

סטרייק! — 41

הענריך היינע. — 42

אַ וועלט דאָס איז. — 43

אַ שניי־טאַנץ. — 44

שוועסטערל מיין! — 45

אַזוי און אַזוי. — 46

וואָרנונג. — 47

משיח. — 48-49-50

מיין ברודער. — 51

הונגער. — 52

אינהאלט

ר. ז. — — — — — — — — — — 53
ווייז, געזאנג און פרוי. — — — — — 54
א תפילה. — — — — — — — — — 55
א בריוול. — — — — — — — — — 56
בחור, בחור! — — — — — — — — 57
דער גולם. — — — — — — — — — 58
א נעגער־מיידל טויט. — — — — — — 59
איך אויך. — — — — — — — — — 60
אלע וועגן. — — — — — — — — — 61
מיין לעבן. — — — — — — — — — 62
לאלא! — — — — — — — — — 63-64
עלנד, ברודער מיינער. — — — — — 65
מיינע נעכט און טעג. — — — — — — 66
דזשעז. — — — — — — — — 67-68-69
מענטשעלע. — — — — — — — — — 70
ש. ש. — — — — — — — — — — 71
אין אנדיינק. — — — — — — — — 72
הארץ מיין הארץ. — — — — — — — 73
מיניאטורן. — — — — — — 74-75-76-77
אפגעגארט. — — — — — — — — — 78
ווידער. — — — — — — — — — — 79
חנוכה־ליכט. — — — — — — — — 80
אויגן שווארצע. — — — — — — — — 81
די נאכט האט טויזנט אויגן. — — — — 82
לאנד, מיין לאנד! — — — — — — — 83
דער פרייהייט מארש. — — — — — — 84
גוט מארגן! — — — — — — — — — 85
נאך אלעמען. — — — — — — — — 86
ניט וועק קיין האס. — — — — — — 87
טצולייקא. — — — — — — — — — 88
אוקראינע. — — — — — — — — — 89
יאנקעל דעם שמיד'ס זון. — — — — 90-91
נול. — — — — — — — — — — — 92
רייץ און גלי. — — — — — — — — 93
איך האב געזען. — — — — — — — 94
אז וואויל איז צו אים. — — — — — 95
גראטעסק. — — — — — — — — — 96



שוואַרץ־הויטיקער ברודער

שוואַרץ־הויטיקער ברודער, אין דרוק פון דיין האַנט,
שפּיר איך דעם מאַכטיקן וועלטן־גיגאַנט.

אונטער דיין האַרטער, ברוין קופּערנער הויט,
שלומערט פאַרבאָרגן וואולקאַנישער שרויט.

ווען דיין באַליידיקטער פונק וועט צעפלאַמען,
ווער וועט דיין לאַווע פון צאָרן פאַרצאַמען?

אין שטאָלן־געבלאַנק פון דינאַמישע בליקן,
ווער וועט דיין ריזיקן אויפפראַל דערשטיקן?

דערווײַלע נאָך שלומערט דער וועלט־ריז פאַרבאָרגן,
נעגער־ליפּ שוואַנגערט מיט אויפברויז פון מאָרגן.

נעגער־צאָן שלייפט זיך ווי ציינער פון זעג —
ווער וועט דען וואַגן זיך שטעלן אין וועג?

ערבֿ יום־טובֿ

אױף די שפּיצן פֿון די פֿינגער,
אין דערװאַרטונג,
ציט זיך הױדנדיק די נאַכט —
הײַנט איז ערבֿ יום־טובֿ.

װעלט שטײט אױף אײן פֿוס,
מיט דער צװײטער אין דער לופֿטן,
איז ניט זיכער מיט'ן טראָט... —
װי אַן אַקראָבאַט
אױף אַ װאַקלענדיקן דראָט,
הײַנט איז ערבֿ יום־טובֿ.

װינטן בלאָנדזשען אום,
פֿיבערן מיט אָנזאָג:
פּלאַנעטן הײנגען אױף אַ האָר
מיט אָנגעשפּיצטע אױערן — פֿאַרגאַפֿט —
באַלד, אָט באַלד װעט פּלאַצן װאו
אַן אומזעבאַרע קראַפֿט,
הײַנט איז ערבֿ יום־טובֿ.

דער גלאָק

קלינג־א־גלינג . . .

די צענדליקע טויזנטער גלעקלאַך פון גאָלד און פון זילבער
און קופּער און מעש,

וואָס האָבן געניצט פאַר סיגנאַלן צו קומען באַדינען דעספּאָטן —

מיר האָבן אין פלאַמען, אין רויטע צעשמאָלצן, ס׳גאָלד און דאָס זילבער
און קופּער און מעש,

און האָבן איין ריזיקן גלאָק אויסגעגאָסן, אין בלוט רויטער לאַווע געזאָטן.

קלינג גלאָנג!

פאַרהילכט אונדזער גלאָק אַלע גלעקער פון רוים!

קלינג גלאָנג!

פאַרווירקלאַכט איצט ווערט אַן אַלט יאָריקער טרוים!

גרייז־גרויע געטער זיך קייען די בערד!

ס׳וואַקלען זיך קרוינען פון הערשער אַפּדרערד!

קלינג גלאָנג!

קלינג גלאָנג!

איך ווייס...

איך ווייס אַז דער פרילינג וועט קומען,
און גאָרן מיך פּונקט ווי אַמאָל;
מיט טויזנטער גראָזן און בלומען
אין פעלד, און אויף באַרג און אין טאָל.

מיט לאַשטשנדע ווינטלאַך וואָס גלעטן,
און שעפּטשען און זאָגן מיר צו:
פון אייביקער יוגנט די געטין,
פון פרילינג און ליבע די רו.

פון פינקלנדע שטערן וואָס ווינקען
צו מיר און צו באַרג און צו טאָל;
און איך וועל אין טרוימען פאַרזינקען
פון כישוף און סודות אָן צאָל.

איך ווייס אויך, די טרוימען זיי ווערן,
פאַרצערט ווי דער טרוימער אַליין;
אַזוי ווי די פינקלנדע שטערן
וואָס צאַנקען פאַרטאָג — און פאַרגיין.

און בלאָנדזשע איך

און קומען וואָלקנס שווערע אָן
פארהילן אַלץ אין שוואַרצן;
שיינט אויף די זון אַ קלאָרע דאַן
טיף בא מיר אין האַרצן.

און וואַקלט זיך מיין לעבנס־שיף,
און מדבר־זאַמדן שטויבן —
צעוואָרטצלט זיך אין האַרצן טיף
אַ נאָך מער שטאַרקער גלויבן.

און בלאָנדזשע איך, און ס׳לאָזט זיך אויס
פון מיינע טרוימען — טייכן —
דאַן וויין איך ווי אַ קינד זיך אויס,
און זוך אַ וועג אַ גלייכן.

ווײַאָמינג

1

צעגרינט זיך די פּרײַרי אַף הונדערטער מײַלן,
שנײַדט דורך די באַן מיט אַ פּיף און אַ כראָפּ,
יאָגן זיך, שדים ווילד, טעלעפאָן־זײַלן,
צעלויפן זיך פערד אין אַ ווילדן גאַלאָפּ.

אָט איז אַ ישוב און אָט שוין פאַרבײַ,
מיר ווערן פאַרשלונגען אין רחבות פון פּלײַן,
אַ באַרג און אַ טאָל און אַ ישוב אַפּסנײַ,
טשו, טשו! — אַ סימן מיר בלײַבן דאָ שטײן.

2

קומט אָן אין שטאָט אַ זעקס־פוסיקער מענטש,
טראָגט ער אַ קאַפּעליוש, גרויס ווי אַ זאַק,
רעדט ער פון „ראַונדאַפּס", „בראָנקאָס" און „רענטש",
שמײכלט גוטמוטיק און קײַט זײַן טאַבאַק.

דערציילט ער, דער גרויסער, מיט אינגלשן ברען,
פון גײַזערס וואָס שפּריצן און שפּײַען מיט אויל,
דערציילט פון „ווײַאָמינ׳", פון „קאַספּער", „שײַען",
און בײַסט אָפּ אַ פרישן שטיק טאַבאַק אין מויל.

1) ווײַאָמינג — אַ פּרײַרי־שטאַאַט אין מערב־אַמעריקע.
2) „ראַונד־אַפּס"—אַ צירקל־גלויף פון „קאַו־באָיס" אַף פערד.
3) בראָנקאָס—ווילדע פערד.
4) רענטש—אַ פאַרם, וואו מע קולטיווירט גרויסע טשערעדעס.
5) קאַספּער, שײַען—שטעטלאַך אין שטאַט ווײַאָמינג.
6) בײַבי ווײַאָמינג—קינד ווײַאָמינג, אַ צערטלאַכער אויסדרוק.

דערמאָנט ער אַ יעטווידער בראָנקאָ באַם נאָמען,
פאַרגלייכט זיי אין שנעלקייט, צום שטורמיקן ווינט,
שמעלצט זיך אין נחת פון „בייבי ווייאָמין",
אַזוי ווי אַ פאָטער רעדט שטאָלץ פון זיין קינד —

און אַלץ הייסט אַ בראָנקאָ! — אַ טייוול, אַ שלאַק! —
און גלויבט אים ניט ווער, וועט ער גיין אין געוועט!—
פאַרלאַנגט ווער אַ קיי פון זיין שווארצן טאַבאַק,
דערלאַנגט ער מיט רחבות, און היצט זיך און רעדט.

3

אַ שמחה אין שטעטל, די נייס ווערט צעטראָגן,
פון פאַרמער צו פאַרמער: געקומען דער איד!
„אָלד מען קאָהען", זיין פערדל און וואָגן —
ער פויעט זיין פערדל באַ „דזשאָנסאָן" דעם שמיד.

די פאַרמערקעס קלייבן שוין אייניקע וואָכן,
גומענע רעדער, און אַלטווארג, און זעק —
„וואו ביזטו פאַרשוואונדן, סטייטש, היתכן"?
אַ צייט ניט געוועזן שוין, — באַטראַכט נאָר די פעק!

די קינדער, זיי שלעפן און ברייננען אים אייזן,
און קופער און מעש — אַ גאַנצענעם באַרג —
נישקשה, זיי ווייסן, ער צאָלט גוטע פרייזן,
„אָלד מען קאָהען", דער איד, איז ניט קאַרג.

דער פעדלער, באַרעכנט אַלץ שטיל און געלאַסן,
ער שווערט ער פאַרלירט — און פאַקט אָן דעם וואָגן —
די פאַרמערס, זיי שטייען פון ווייטנס און שפאַסן: —
„אַזוי שוין זיין שטייגער, ער מוז זיך באַקלאָגן...

באַצאָלט יעדן איינעם, באַדאַנקט ער די קונדן,
די קינדער צעלויפן זיך פריילאַך, פאַרשייט,
די פאַרמערקעס דאַנקען אים אָפּ — און פאַרשוואונדן —
עס רוקן זיך צו אַ פּאָר עלטערע לייט. —

„נו, מיסטער קאָהען, וואָס הערט זיך באַ „לייטן"?
„פּאַלעסטיין" איז שוין פאַר אידן איצט פריי"! —
מע שמועסט פון אַמאָל און איצטיקע צייטן:
וואַשינגטאָן, איינגלאַנד, באַלקאַנען, טערקיי. —

„— וואָס טויג מיר באַלקאַנען, וואָס הער איך טערקיי"?
צעהיצט זיך דער פּעדלער — „איר ווייסט דאָך אַליין":
דאָס לאַנד איז דאָך אונדזערס, פון לאַנג, סיי־ווי־סיי. —
די „ביבל" זאָגט דאָך בפירוש, צו ניין?

„יאָ, אמת, גאַנץ זיכער"! — שאָקלט זיין קאָפּ
אַנ'אַלטינקער פאַרמער און קייט זיין טאַבאַק —
דער פּעדלער זעגנט גוט ברודערש זיך אָפּ, —
די לופט איז מחיה'דיק, פריש און געשמאַק.

סעפּטעמבער

(וויאָמינג)

אַף צונטער־ראָזע טעפּיכער,
אין גין און גאָלד און זייד געוועב,
קיין מעריב לאַנד, אויף נאַכטליי־גער,
פאַרבעטן איז די זון.
אָפּשייד־טוכן פאָכערן — — —
זילבער דינע וואָלקנדלאַך,
געשפּינט אין זוימען גאָלדענע
פון לעצטן זון־שטראַל.
קומט ווינט אויף ווינט צו רייטען,
לופט־קושן פון רחבות'ן —
שמעקט מיט פּריש געשניטן היי.
אויבן שטאַרט אַ סערף אַ בלייבער,
וואָרט מיט אומגעדולד אַף נאַכט,
ערגעץ הירזשעט ווילד אַ בראָנקאָ,
ענטפערט עכאָ אָפּ צוריק.
טונקט דער פליין זיך איין אין שוואַרצן,
פאַלט סעפּטעמבער'ס יונגסטע נאַכט,
אולטראַ ליידנשאַפט פאַר'שכור'ט
צו דער פּריירי'ס ווייבער ברוסט
מיטן רחבות־ריז, וויאָמינג,
אַפן פּריש געשניטן היי.

האַרבסט

(וויאָמינג)

האָלדז איבער האָלדז, באַוועגלאָז, די אויגן צו ד׳ערד,
ווי פאַרשטיינערט, שטייען אין פעלד אַ פּאָר פערד.

ווייט אפן פּליין, ווי אַף אַ לייוונט אַ ווייסן געמאָלן,
שטייען פאַר׳יתומט: אַ הויז, אַ פאַרקאַן, אַ פּאָר שטאָלן.

ווייט אפן פּליין, וואו הימל באַהעפט זיך מיט סטעפּ,
מערקט זיך אַ יאָגנדע באַן — רויכיקע טרעפּ.

שטום איז דער סטעפּ, געלאָדן מיט האַרבסטיקן טרויער,
שווערער נאָך, הייגנט אויבן דער הימל אַ גרויער.

טעלעפאָן־זיילן — אומענדלאָכע שנורן פון דראָט,
דערמאָנען: ערגעץ ברויזט זודיק די „שטאָט“.

יוני־נעכט

אכטצן יאָריקע שיינקייט, רייצנד לוסטיקע,
איך וועל דיר אַרויפשטעלן אַף אַ פּעדעסטאַל
און דיר איינשמועסן, אַז דו ביסט אַ געטין —
שפּעטער, ווען כ׳וועל דעם פּעדעסטאַל איבערקערן,
וועט ער צוניץ קומען פאַר אַ פוס־בייִנקעל.

דיינע גלידער, יונגע צווייגן, צאַרטע דופטיקע,
איך וועל זיי אָנגרייפן ווי אַ שטורם ווינט, אַ גרויזאַמער,
פּונקט ווי די שוועסטער דיינע, פאַר דיר—און נאָך דיר.

יוני־נעכט, לבנה נעכט, מיליאָנען שטערנדיקע,
אָטעמען מיט כּישוף און מיט ליידנשאַפט;
אין אַ נעץ פון טרוימערייען איינגעשפּינט,
וועלן מיר פאַרזונקען, איך און דו.

מאָרגן — אין נאָיאַבר־נעכט לאַנגווייליקע,
וועלן מיר זיך זעטיקן, דערמאָנענדיק,
יענע יוני־נעכט, לבנה־נעכט, מיליאָנען שטערנדיק,
וואָס אָטעמען מיט כּישוף און מיט ליידנשאַפט.

צו א מיידל

און אויב דו רעדסט מיין שפּראַך, דאַן מוזט דו קאָנען שווייגן,
איך בין אַן אַלטער בוים מיט טויזנט יונגע צווייגן,

יעדער צווייג אַנ׳אויג, זע איך אַלץ ארום,
מיינע אויגן אָפן, מיינע ליפּן שטום.

שמאָלע שטעגן פירן ארום צו שליאַכן ברייט,
איך האָב אױף אַלע שליאַכן מיינע טריט צעזייט,

זיינען מיינע פיס צעברענט פון שטויב — און דו
אפשר, אין דיין שאָטן וועל איך קריגן רו.

איך האָב פרויען שטאָלצע געטינס, אין זייד און פוך געקנוילט,
מיט זייער האַנט געשטריקט גאַרדינען — פון גאָט און מענטש פאַרהוילט,

האָב איך אין מיינע אָרמס, זיי ווי קינדער איינגעוויגט,
און זייערע געליבטע מיט מיין שאַרפן בליק באַזיגט,

נאָכדעם זיי געשליידערט ווי מע וואַרפט א הונט דעם ביין,
הינט וואָס בעטן רחמים, אױף אַלט צעפוילטע ציין —

און איך, איך וועל ניט קניען ווי א בעטלער צו דיין טראָט,
אמת׳ ביסט א געטין, — קניט דען גאָט צו גאָט? —

מיינע ברייטע שליאַכן פירן צו דיין טיר,
דיינע זיג־זאַג וועגן פירן גלייך צו מיר.

ליד פון האַם

אומזיסט דער בטחון! —
די זון וועט אין קעלערס, אין שטויביקע,
אירע וואַרימע שטראַלן ניט שיקן;
די בעטלערשע תפילות פון גלויביקע,
און רחמים-פּאַיאַצישע בליקן,
וועלן צו הימלען פאַר'עקשנ'טע,
קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט גרייכן,
פּונקט ווי די הערצער פאַרשטיינערטע,
וואָס טראָגן פאַרבאָרגן דעם צייכן
פון קין,
און פרײדיקן: „זאָלסט ליבן דײן שכן"... —
אומזיסט דער בטחון! —
פּראַלט אויף די וועלטן מיט צאָרן — אַזש קראַכן
זאָלן פאַרשטיינערטע הערשער און געטער!
און זאָל זיך אַ רויטער געלעכטער צעלאַכן,
אין שטורמיק געווירבל פון צאָרן-געוויטער,
דער האַם פון גענאַרטע!

אומרו

פֿלאַמט די אומרו פֿון דער צייט,
אין מיינע בליקן;
רופֿט און פֿאָדערט, שעלט און שרייט
און זוכט אַ תּיקון.

פֿליסט די אומרו פֿון דער וועלט,
אין מיינע גלידער;
און פֿיברירט פֿון היץ און קעלט
דורך מיינע לידער.

2

אין קלאפעריי פון פויקן, אין בראזגעריי פון טאצן,
וועט איר, ווילדע ברואים, נארישע פאיאצן,

יאָגן איבער פעלדער, יאָגן ווי פארסמ׳טע,
ווי א מחנה שדים, העסלאכע, פארדאמטע.

איר, פון הונגער שוואכע, און פון פיבער קראנקע,
וועט איר מיט די שפיזן און די שווערדן בלאנקע,

פאָכן אין דער לופטן און ניט אונטערשידן,
פון א שוועסטער אייגן און א ברודער מידן.

אייגן בלוט פארגיסן און זיך זעלבסט פארניכטן;
און די שיינע דרשות, און די אלע פליכטן

וואָס צו אייך געפריידיקט, האָט דער „זון פון גאָט“,
וועלן בלוט באשפייטע, בלייך ווערן פון שפאָט...

3

מ׳וועט מיט טראָמפּייטן ניט שאַלן,
זיגרייך ניט שעלטן;
ווען ס׳וועלן ווי חורבות צעפאַלן
אייערע וועלטן.

מ׳וועט דאַן ניט יובלען און לויבן,
מיט באַראַבאַנען;
ס׳וועט אייער שאַנד אַזש פאַרטויבן
דעם רויש פון וואולקאַנען.

מ׳וועט אייך אין קייטן ניט שליסן,
באַזיגטע מאַרשירן —
ס׳וועט אייער אייגן געוויסן
צום שאַנד־קלאָץ אייך פירן.

דרייסיק יאָר

שוין צום טויזנטן מאָל האָב איך איבערגעזאָגט,
יענע אַלטע תּפילות וואָס גוטע מענטשן האָבן מיך
— אויסגעלערנט
שוין צום טויזנטן מאָל!
איצט שטיי איך אין אַ ווינקל חדר ווי אַ שטומער,
קיין נייע תּפילות פאַר די אַלטע געטער, קאָן איך ניט,
קיין נייע געטער ווייס איך ניט —
אַזאַ צייט געווען: ערלאַך גוט און פרום,
אַט באַלד שוין דרייסיק יאָר —
דרייסיק יאָר!
איצט, וואָס טוט מען איצט —
וואָס?

שטערן

הויך אין הימל פֿלאַמען שטערן,
ציט דעם מענטשנ׳ס אויג אַהין;
יעדער נפֿש האָט זײַן שטערן,
יעדער שטערן האָט אַ זין.

ווערט אַ נפֿש׳ל פֿאַרלוירן,
לעשט זײַן שטערן זיך דערבײַ,
ווערט אַ נפֿש׳ל געבוירן,
צינדט אַ שטערן זיך אָפּסנײַ

פֿינקלען שטערן העל און בלאַנקען,
שטראָמט די פֿרייד פֿון זיי אַרויס,
בלאַסע שטערן קרײַנקלאַך צאַנקען,
ביז זיי לעשן שטיל זיך אויס.

בלויז מײַן שטערן וואַנדערט ווײַט,
שפּרײַזט דעם הימל הער און הין —
ווי דער שׂכל נאָך דער צײַט,
ווי דאָס לעבן אָן אַ זין.

אָנזאָג

אָפּדרוק פון וואַנדער־טריט,
אַף שליאַכן ווייט און ברייט,
פון דורות בראַווע פּראָלעטאַריער,
היימלאָזע און מאַט,
איר האָט די ערשטע אומרו־זוימען,
טיף אין פאָלק פאַרזייט,
צו אייך באַלאַנגט, פון פרייהייט־בוך,
דאָס סאַמע ערשטע בלאַט.

דאָ און דאָרט, פון אַלע עקן,
און די ווייטסטע ערטער,
קומען שלוחים אומבאַמערקט —
מיט אָנזאָג זיך צעשאַלן;
פון זיך זעלבסט ספּאָנטאַן זיך פורמען,
בוכשטאַבן אין ווערטער:
מוטיק, מוטיק האָרעפּאַשניק!
שונא האַלט באַם פאַלן!

לופּט פולסירט מיט נאָדל־שפּיציק,
אויפפריים - שרויט - אַטאָמען,
פיבערט ציטעריק די וועלט,
אַף וואַקלנדיקע קני;
האָרעפּאַשנער אַוואַנגאַרד
מאַרשירט פאָראויס אין נאָמען,
פון פרייהייט־באַנער אויסגעשמידט
פון צונטער־רויטן גלי.

שיקאַגע

א שטאָט פון חזירים און אָקסן,
אַף פיר און אַף צוויי...
האָט זיך דער מאָנסטער צעוואָקסן
און מיט ווילדן געשריי,
צערעוועט — שי־קאַ־גע!

יאָגן זיך הונדערטער באַנען,
טאָג איין און טאָג אויס;
ווייסט ניט וואוהין און פון וואַנען,
אריין און ארויס.

— — — — — — — — — — — —

שטאָל און אייזן, רויך און פּארע,
און אַף קוימען־שפּיצן הויך,
הייגנט אַ שווערע, דיקע כמארע,
אָנגעזאַפּט מיט שוויים און רויך.

מענטש, מאַשין און רויך מיט דאַמף,
אין אַן אימפּעדיקן קאַמף —
שי־קאַ־גע!

שטאָט

טומל, קאָך און רויש — און וואָרקעריי
פון זילבער ווייסע, ערלאַך שטילע טויבן,
שטויב און רויך און שווינדל נאַרעריי,
און אידעאַלן מיט אַ טיפן גלויבן.

וויסטע קאַליקעס וואָס בעטלען אויס אַ גראָשן,
שפּעקולאַנטן בלענדן מיט מיליאָנען,
ווינס פון הור מיט גלאַנץ אין אויג פאַרלאָשן
זייט בײַ זייט, מיט קרייץ אין האַנט, אַ נאָנע.

ביכער

(פון איינגליש—וואַלטער)

אַן אַלטע גאַס ענדערט זיך;
אַן אַלטער בוים שטאַרבט אָפּ,
און דאָס גרויע קעצעלע וואַנדערט אַוועק,
בלויז די ביכער אין שראַנק
זיינען די זעלבע.
אַן אַלט הויז ברענט אָפּ;
אַן אַלטע ליבע פאַרגעסן,
און אַן אַלטער פריינט וואַנדערט אַוועק,
בלויז די ביכער אין שראַנק
בלייבן.

ברודער!

זע איך דיר יאָגן גאַנץ פרי צום פאַבריק,
שפּיר איך פון נוצלאָכע ארבעט דאָס גליק,
ווייס איך ניט וואו צו באַהאַלטן מיין בליק
פון שאַנדע, וואָס איך, א פּאַיאַץ אף א שטריק,
בין אין „געזעלשאַפט" דער נוצלאָכער.

זע איך דיין האַנט מיט מאָזאָליעס באַדעקט,
פון ערלאָכער פּראַצע צעקנייטשט און פאַרפלעקט,
שפּיר איך די וועלט־מאַכט, וואָס אין דיר שטעקט,
און די „געזעלשאַפט" מיר עקלט און רעגט —
זיי דיינקען — איך בין דער נוצלאָכער.

מ י ר

(די פּאָעטן אַ מתנה)

מיר זײַנען װי צונג־לאָזע גלעקער,
װאָס קאָנען צום אױסדרוק ניט קומען;
שטײען מיר טעמפּ װי די פּלעקער,
אין פענצטער פון װעלט־שױ — און שטומען.

אַט זעט, װי פון גרויקײט מיר בליען,
אין גערצנגל פון נעכטן ביז מאָרגן;
און פּאַנגט װאו אַ פונק אָן צו גליען,
װערט ער פון אומעט דערװאָרגן.

אורשפּרונג פון דורות פּאָעטן,
װי גערן איך װאָלט אײַך פאַרראַטן —
אַז פאַרברענט װאָלטן װערן די בעטן,
צוזאַמען מיט מאַמען און טאַטן!

אַ פרוי וואַרט אַף מיר

(איינגליש—וואלט וויטמאַן)

אַ פרוי וואַרט אַף מיר, אַלץ פאַרמאָגט זי, קיין זאַך פעלט,
דאָך וואָלט אַלץ געפעלט, ווען געשלעכט וואָלט געפעלט,
אָדער די זרע פון ריכטיקן מאַן וואָלט געפעלט.
געשלעכט פאַרמאָגט אין זיך אַלץ, קערפּערס, נשמות, דערקלערונגען,
זיכערעס, זויבערעס, צערטליכקייט, שלוסן, דעקלאַראַציעס, לידער,
געבאָטן, געזונט, גוטע טאַטן, שיינקונגען, אַלע ליידנשאַפטן,
ליבעס, שיינקייטן, צויבערן אַפדערד,
אַלע קעניגרייכן, ריכטער, געטער, צוקונפטיקע מענטשן אַפדערד.
די אַלע זאַכן פאַרמאָגט געשלעכט אין זיך,
יעדער זאַך אָן און פאַר זיך — און מיט רעכט.
מיר איז ליב דער מאַן, וועלכער פאַרשטייט און אַנערקאָנט אומפאַרשעמט
דאָס פאַרגניגן פון זיין געשלעכט,
מיר איז טייער די פרוי, וועלכע אַנערקאָנט איר מין, עפנטלאַך אומפאַרשעמט.
איצט וועל איך זיך אָפּזונדערן פון רייצלאָזע פרויען,
איך וועל פאַרברייינגען מיט איר, וועלכע וואַרט אַף מיר,
און מיט יענע פרויען, הייס בלוטיקע, פּאַסיקע פאַר מיר
איך זע, אַז זיי פאַרשטייען מיך און אַנטזאָגן מיר ניט,
איך שפּיר, זיי זיינען ווירדיק, איך וועל זיין דער שטאַרקער מאַן פון יענע פרויען.

זיי זיינען אַף איין האָר ניט ווירדיקער פון מיר,
ברוין זיינען זייערע פּנים׳ער פון זונשיין און ווינט,
זייער לייב באַזיצט די פּראַכטפולע בויגזאַמקייט פון קראַפט,
זיי קאָנען שווימען, רודערן, רייטן, ראַנגלען, שיסן, יאָגן, אָנגרייפן,
צוריקציען, שטייגן פאָראויס, קעגנען, זיך זעלבסט באַשיצן,
זיי זיינען שליסלאַך אין זייער רעכט — רואיק, קלאָר, זיכער מיט זיך.
איך צי אייך צו נאָענטער צו מיר, איר פרויען,
איך קאָן אייך ניט אַוועקלאָזן, איך וועל אייך צופרידן שטעלן,
איך בין פאַר אייך, איר זענט פאַר מיר.
ניט בלויז פאַר אונדזערטוועגן נאָר פאַר אַנדערע,
איינגעהילט אין אייך, שלומערן גרעסערע דיכטער און העלדן,
זיי אַנטזאָגן זיך דערוואַכן פון אַן אַנדער מאַנ׳ס באַרירונג, אויסער מיין.
דאָס בין איך, איר פרויען, איך שלאָג דורך מיין וועג,
איך בין גרויזאַם, שטאַרק, שאַרף, אַנטשלאָסן, אָבער איך ליב אייך,
איך טו אייך ניט וויי מער ווי ס׳איז נויטיק פאַר אייך,
איך גיס איבער די זאַפט וועלכע פלאַנצט
פּאַסיקע זין און טעכטער פאַר דיזע שטאַטן,
איך דריק מיט לאַנגזאַמען, רויען מוסקל,
איך קלאַמיר זיך איין ווירקנדיק, און פאַרנעם ניט קיינע געבעטן,
איך צי פאַר קיין פאַל ניט צוריק,
איך וואָג ניט צוריקציען ביז וואַנען כ׳וועל קאַסירן אַלץ,
וואָס ס׳האָט זיך אין מיר אָנגעזאַמלט פון אַזוי לאַנג.

דורך אייך לאָז איך פריי אַלע פאַרצוימטע טייכן אין מיר,
אין אייך פאַרוויקל איך אַ טויזנט יאָר פאַראויס,
צו אייך באַהעפט איך דאָס בעסטע און טייערסטע אין מיר און אַמעריקע.
די טראָפּנס וועלכע איך באַטרונק אייך, וועלן אויפשטעלן אַ דור,
פון מוטיקע, אַטלעטישע מיידלאַך, מאָלער, מוזיקער און זינגער.
די קינדער וועלכע איך וועל אייך באַשאַפן,
וועלן געבוירן קינדער נאָך זייער ריי,
איך וועל פאָדערן פולקאָמנע מענער און פרויען
פון מיינע ליבעס־פאַרוויילונגען,
איך דערוואַרט, זיי זאָלן פאַרוויילן מיט אַנדערע
ווי איך מיט אייך פאַרברייגגן איצט,
איך וועל דערוואַרטן רעזולטאַטן פון זייערע גיסנדע שטראָמען
ווי איך דערוואַרט פרוכטן פון די גיסנדע שטראָמען
וועלכע איך גיב אייך איצט,
איך וועל דערוואַרטן ליבעס פרוכט, געבורט, לעבן, טויט,
אומשטערבלאכקייט — וועלכע איך פלאַנץ מיט אַזוי פיל ליבע איצט.

פאַראַט!

(סאַקאָ־וואַנזעטי׳ס יאָר־צייט)

ס׳וועלן צוקונפטיקע דורות ווען אויפמישן דאָס בלאַט,
פון יאָר נײַנצן הונדערט און צוואַנציק און זיבן;
וועט אַרויסגלאָצן פון יעטווידער שורה דער פאַראַט,
פון אונדז אַלעמען קעגן זיך אַליין פאַרשריבן:

מיר האָבן ווי די בעטלער דאָן, געקניט פאַר גרויס און קליין,
און פּראָטעסטירט מיט פּראָזן — פּעסער פול מיט טינט —
און דערוואַרטעט יושר פון הערצער — שטאָל און שטיין,
געלעקט די האַנט פון מערדער ווי ציין־לאָז, קראַנקע הינט!

מיר, מיט ווייב און קינד פון נויט און פּיין געקנאָטן,
פון ריכטער, פּריסט און תּליון גענאַרט און אויסגעלאַכט —
דאָס בלוט פון די מאַרטירער האָט קעגן אונז געזאָטן,
און מיר האָבן ניט געשטורעמט מיט שווערד אין האַנט אין שלאַכט!

„ווען דיין שטאַרקער אָרם וויל,
בלייבן אַלע רעדער שטיל“.

סטרייק!

איר נאַקעטע, איר באָרוועסע, קנעכט־פּאַטריאָטן,
אונטער אַלערליי קאָלירן שמאַטע־פאָנען,
פון אַלע פעלקער גרויס און קליין —
וויפיל טאָנען שטאָל און אייזן האָט איר שוין צעזאָטן,
צו שמידן שווערדן, ביקסן און קאַנאָנען,
קעגן זיך אַליין?

וויפיל בערג מיט ליים אַף ציגל אויסגעקנאָטן,
און טורמעס אויפגעשטעלט פאַר זיך און ווייב און קינד?
וויפיל מאָל, פון הערשער, ווי ווערם אייך צעטראָטן?
און וויפיל מאָל גענאַרט אייך, באַליידיקט און באַשפּינן!
און וויפיל וועלדער תליות פאַר זיך אַליין צעזיגן? —
איר נאַאיווע ריזן — טויב און שטום און בלינד!

דער געוויין פון דורות, אין רויש פון די מאַשינען —
סטרייק, סטרייק, סטרייק! — האָרעפּאַשניק!
אַף דיינע אַקסלען שטייען הימל־קראַצערס, ריזיקע!
גלייך אוים דיין פלייצע און צעשמעטער זיי!
דיינע הענט צעשיקן טויזנטער דאַמף־שיפן,
איבער אַלע ים׳ען ווייט און ברייט!
דו ביזט דער דופק פון דער וועלט —
סטרייק!

הענריך היינע

נאכט נידערט אף שאָטנדיקע שטיגן, —
כ׳האָב מיך אין אַ ליד דערמאָנט, אַ שיינע,
כ׳וועל מיין שאַרפן אומרו היינט פאַרוויגן,
מישנדיק דאָס בוך פון הענריך היינע.

כ׳האָב מיך אין אַ ליד דערמאָנט, אַ שיינע,
פון אַ שמועס אַזאַ, געפירט אין הויכע ספערן,
דעם אינהאַלט ניט אונדז איבער הענריך היינע,
דאָס ליד איז וועגן מענטשן־קינד און שטערן:

ס׳האָבן שטערן אַמאָל גענומען דיסקוסירן,
וועגן גליק וואָס איז אַפּדערערד פאַרשפּרייט,
וועגן מענטשן און די ליבעס וואָס זיי פירן,
זייער וועג איז מיט ליבעס גליק באַגלייט.

נאָך פיל שמועסן פול מיט קנאה, זיינען ענדלאַך,
די שטערן געקומען צום באַשלוס,
אַז ליבע פונקט ווי מענטשן־קינד איז שטערבלאַך,
קורץ איז פון ליבע דער גענוס.

אָבער שטערן הויך אין הימל אייביק בלאַנקן,
אומענדלאַך איז דאָס פלאַם פון זייער קנויט,
זיי ווייסן ניט פון גסיסה־צער און צאַנקן,
און זיי פוילן ניט ווי מענטשן נאָכ׳ן טויט.

אַ וועלט דאָס איז!

אַז מען קאָן שוין הײנט אַ וואָרט ניט טרויען
אַפילו זיך אַלײן!
באַדאַרפסטו טראַגיש שטימונג, ווינקט
אײן אויג צום צווײטן — ווײן!
און ווען פאַלש געשטרײנגטע טרערן,
גרײכן פונקט אין ציל,
קײכט ווער טיף אין האַרצן, — בראַוואָ,
דו פאַרשטײסט די שפּיל!

די פּראַזע "טיף אין האַרצן,"
איז אַ וואָרט־שפּיל בלויז אַזאַ,
אַז אָט־אָ קרעכצסטו, אוי און ווײ,
און אָט־אָ — כאַ־כאַ־כאַ!
אַז שונד־בלעטער פאַרשפּרײטן זיך
אין צענדליקער מיליאָן,
און אײנשטײנ'ס בילד דערשײנט צו גלײך
מיט אַ קולאַק־טשעמפּיאָן!

אַז פרעמד איז מען צו זיך אַלײן,
און אײגן פלײש און בלוט,
און אָפּגעווישט דער גרעניץ איז,
צווישן שלעכט און גוט,
אַז יושר איז ניט צום אָנזען
דורכ'ן גרעסטן טעלעסקאָפּ —
און שפּײט דיר ווער אין פּנים אָן,
איז שיעור אַ פילאַנטראָפּ!

אַ שניי־טאַנץ

מע האָט שפּעט אין האַרבסט אַ מענטשן באַגראָבן,
מיט לאָפּעטעס ערד און שניי פאַרשאָטן —
און זיך:
צום טייוול! —
דער שניי האָט געמאָלן מיין שאָטן,
מיין קאָפּ —
פּונקט באַם פרעמדן אין קבר — מיין קאָפּ!
מיט ערד און מיט שניי טיף פאַרשאָטן;
און איך אַ געקעפּטער, אין ווילדן גאַלאָפּ,
יאָג זיך אום אין שנייאיקן רוים,
אין שנייאיקן רוים...

שוועסטערל מײן!

פּנים'לאַך בלאַסע, ליפּלאַך פאַרשמאַכט,
אויגן פאַרטרערטע און אימער פאַרטראַכט,
אידישע טאָכטער, שוועסטערל מײן,
זינג מיר פון אידישע צרות און פּײן —
די מערדער!
די שענדער!

וועק אין מײן הארצן אַ שרעקלאַכן האַס,
פאַר יעטווידן ברודער פאַרמוטשעט אין גאַס,
דערצײלנער מײן אויער, דעם הילפלאָז געשרײ
פון יעטווידער שוועסטער געשענדעט פון זײ —
די מערדער!
די שענדער!

אידישע טאָכטער, שוועסטערל מײן,
זינג מיר פון אידישע צרות און פּײן.
וועק אויף מײן ראַכע, אַ העלישן פלאַם,
רויטער פון בלוט און טיפער פון ים,
און מײנע אויגן, פול זודיקע טרערן,
זאָלן ווי זודיקע לאַווע פאַרצערן
די מערדער!
די שענדער!

אידישע טאָכטער, שוועסטערל מײן,
זינג מיר פון אידישע צרות און פּײן.

* * * *

אַזוי און אַזוי

(פאָלקס-מאָטיוו)

די מעשה דערפון איז אזוי און אזוי,
וואָס-זשע זאָל דאָס מיינען?
טיף אין הארצן קרעכצט ווער, אוי,
און עס ווילט זיך וויינען.

אזוי און אזוי, און אזוי און אזוי,
וואָס זאָל דאָס באדייטן?
נאָר איך אַקער, נאָר איך בוי,
ניט פאר זיך, — פאר לייטן.

ווידער אזוי, און אזוי און אזוי,
אַך, די יאָרן שוועבן,
און מ'ווערט שוין אַלט און גרוי,
גרוי דאָס יונגע לעבן.

וואָרנונג

איך וועל א צוים פון שטיין,
אַרום מיין חורבה בויען;
און וועל שווין זיך אליין
קיין אייגן וואָרט ניט טרויען.

נאָר ס'וועט מיין בייזער הונט,
אייך טיר און טויער צאמען;
און מאָנען שיילאָק'ס פונט,
מיט בלוט און ביין צוזאמען!

משיח

משיח

ס'וועלן צענדליקע טויזנטע פינגער זיך פלעכטן,
אין איין מאכטיקע האנט,
ס'וועט מיט האסטיקן שוואונג, אין קאמף אין גערעכטן,
דער וועלטן־גיגאנט.
זיין ריזיקן פויסט דאן דערהויבן.

ס'וועלן צענדליקע טויזנטע פיס זיך צעשפאנען,
די טריט פון גיגאנט!
ברוסט־באריקאדן און הארץ־באראבאנען,
און פלייצעס — א וואנט! —
וועט דער מארש אלע וועלטן פארטויבן.

משיח, משיח מיט פויסט און פארמעסט!
און האסטיקן דראנג!
די קייטן צעפראלט פון אנטשידענעם זשעסט
און פרייהייט־געזאנג! —
וועט דער מארש אלע וועלטן פארטויבן.

מײַן ברודער

(העברײַיִש—ש. נפֿש)

אוועק איז מײַן ברודער פֿון מיר — און פֿאַרלוירן,
פֿאַרבלאָנדזשעט און קערט זיך ניט אום:
אַף װעגן, אַף שטעגן, ער האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט,
און האָט זיך דערװײַטערט פֿון מיר.
איך האָב אים געזוכט, און געבעטן גערופֿן:
קום ברודער צוריק! קער זיך אום! —
ער האָט ניט געהערט מיך, און האָט ניט פֿאַרשטאַנען,
און איך האָב מײַן האַרץ אים אַנטקעגן געשיקט —
מײַן ברודער — ער האָט ניט געוואוסט!
וואַנדער איך אום איצט אַלײן איבער װעגן,
פֿרעג נאָך אַף מײַן ברודער — קײן ענטפֿער ניטאָ!
...מעגלאַך דײַן ברודער איז לאַנג שוין געפֿאַלן,
פֿאַרוואונדעט אויף שטעכיקע דערנער געקניט;
און איצט איז זײַן צונג פֿון דורשט אַ פֿאַרטרוקנטע —
שטום...
אוועק איז מײַן ברודער פֿון מיר און פֿאַרבלאָנדזשעט,
און קערט זיך ניט אום...

הונגער

ווילד פון הונגער, ציינער קריצן,
פויסטן פּאַכן הין און הער,
בייזע אויגן בלאַנקן, בליצן
און אין האַרצן שטיקט אַ טרער.

דאָך ווי שטענדיק לייכט די זונשיין,
און דער הימל בלוי ווי נעכטן —
ערגעץ מוז דאָך פּאָרט אַ דין זיין,
צווישן זינדיק און גערעכטן?

ר. ז.

מיט אַ שפּאָגל־ניי באַרוישונג,
וועסטו נאַרן זיך אַליין;
ביז אין אַנגסטן פון אַנטוישונג,
וועסטו וועלקן און פאַרגיין.

יעדן טאָג אַ נייעם גלויבן, —
וועט דיין אויסגעטראַכטער גאָט
דיך אַליין אָפּסניי באַרויבן
און וועט מאַכן פון דיר שפּאָט.

וועסטו זוכן נייע וועגן,
צווייפלען אין דיין הין־הער פּלעט —
דאַן וועט קומען דיר אַנטקעגן,
מיט דער קאָסע דער סקעלעט.

ווײן, געזאַנג און פרױ

אַף פליגלען פאַנטאַסטישע, העכער און העכער,
אַף פליגלען צװײ — אָדלער און קראָ —
פון טאַט'ן גע'ירשנ'ט אַ זילבערנעם בעכער,
קײן ווײן אָבער, ווײן איז ניטאָ.

אין כאָמוט פון טעג און פון יאָרן געשפאַנט,
ווײאָ, ווײאָ! — די משא איז שווער —
פון דער מאַמען געבליבן אַ בילד אַף דער וואַנט,
דאָס שלאָף־ליד איר'ס, הער איך ניט מער.

אין גאָרטן פון ליבעס אַלײען און בלומען,
שפּאַצירט און געהאָפט און געטרוימט;
אַן אוצר מיט בריוו פון מײן ליבסטע באַקומען,
דער וועג צו מײן ליבסטער — פאַרצוימט...

אַ תפילה

און ווילסטע רבונו של עולם, מיך שטראָפן,
שטראָף מיך, מיט הונגער און דורשט טעג און וואָכן;
אָבער דעם כח פון טרוימען און האָפן,
אָבער, די געטלאַכע קראַפט פון בטחון —
גאָטעניו, קרוין, ניט באַריר!

און אפשר, גאָר אפשר, בין איך ניט כדאי,
אפילו א כזית פון אַלץ וואָס איך טרוים,
און זיינען די זינד מיינע שווערער פון בליי,
און איך בין פאַראורטיילט ווי ברויזנדע שוים;
פון מזרח צו מעריב, פון דרום צו צפון —
צו וואַנדער אין וואָגל אַף אייביק פאַרשפּראָכן,
אָבער, די געטלאַכע קראַפט פון בטחון,
אָבער, דעם כח צו טרוימען און האָפן —
גאָטעניו, קרוין, ניט באַריר!

אַ בריוול

(פֿאָלקס-מאָטיוו)

װעט אַ שכן פֿרעגן,
פֿרעגן װאָס איך מאַך?
זאָג אים: קרומע װעגן,
זײַנען דאָ אַ סך.

זאָג אים: איך בין אײנער,
אין אַ װײַטן לאַנד,
און ס'שטרעקט ניט קײנער
אױס אַ ברודער האַנט.

זאָג, איך בײט די װאָכן,
אױס אױף נעכט און טעג —
װען, אָ, ליבער שכן,
גרײך איך שױן אַ װעג?

בחור, בחור!

(העברייאיש—א. א. ליסיצקי)

בחור, בחור קוק זיך אום!
כ'קום פון גליל, א פאסטוך־מיידל,
און מיין גאנצענער פארמעגן:
א פייפל און א אריםביידל.

איך בין אן אָרימע און רייכע —
א סך מתנות דיר געבראַכט:
צעפּ — צוויי פלאַמען איינגעטונקען
אין פּעך שווארצער תמוז־נאַכט.

באַקן צוויי ווי חרמון־שניי
אין מאָרגן פּורפּור איינגעטונקען,
און צוויי אויגן — זונען־מערדער,
פון זונ'ס פלאַמיק בלוט באַטרונקען,

מיינע ליפּן — מאָן־בלום צונטער —
זויג דעם פלאַם, און טרונק דעם טוי!
ווילסטע רוען — פּולע ברוסטן,
לייג דיין מידן קאָפּ אף זיי.

אָרים בין איך, דאָך מיין אוצר,
ווער קאָן שאַצן און באַגרייפן —
און צו דיר באַלאַנגט עס אַלץ!
צי — און איך וועל נאָך דיר לויפן.

דער גולם

יאָרן לויפן, יאָרן שוועבן,
און דער עולם איז א גולם;
פרעגט דער תלמיד בא זיין רבי'ן,
אויב דער עולם איז א גולם —

זאָג וואָרום-זשע קראַכן טראַנען,
און אַף פירשטלאַכע פּאַלאַצן,
ווייען אום איצט, רויטע פאַנען,
און די שקלאַפן, די פּאַיאַצן,

שטורמען אויף די ווייטסטע ווינקלען —
איז דער עולם טויב און שטום,
זע, דעם גולם'ס אויגן פינקלען!
זאָג-זשע, רבי'ניו, וואָרום?

אַלטע, יונגע, קינד אין קייט,
ווייסע, שווארצע, קריסט און איד,
לענדער ווייטע, ים'ען ברייט,
גרייכט דעם גולם'ס פרייהייט-ליד! —

אויב דער עולם איז א גולם,
זאָג-זשע, רבי'ניו, וואָרום? —
אויב דער עולם איז א גולם —
ס'איז דער אַלטער רבי שטום...

נ ע ג ע ר ל י ד ע ר

אַ נעגער-מיידל טויט

(אויינגליש—קאונטי קאָלין)

שוואַרץ־הויטיגע מאַדאָנע, פאַרוויגט אין טרוימען זיסע,
מיט צוויי ווייסע רויזן, באַצירט די ברוסטן אירע,
מיט ליכט אַרומגערינגלט, קלאָרינקע, שניי ווייסע,
גרייט אין לאַנגן וועג, צו איר לעצטער דירה.

דעם קדושין־רינג האָט די מאַמע פאַרזעצט,
און אין גאָלע ווייסן, אויסגעפוצט איר קינד —
ווי שטאָלץ און ווי גליקלאַך זי וואָלט זיך געשעצט,
ווען זי שטייט אויף און זעט זיך אַצינד!

איך אויך

(איינגליש—לענגסטן הוגאָ)

איך זינג אויך, אַמעריקע.
איך בין דער ברוין־הויטיקער ברודער.
ווען געסט קומען,
שיקט מען מיך אַרויס אין קיך,
אָבער, איך לאַך פון זיי,
עס געשמאַק און בין
געזונט און שטאַרק.
מאָרגן
וועל איך זיצן
באַם זעלבן טיש ווי די געסט,
קיינער וועט ניט וואַגן
מיך שיקן אין קיך אַריין
דאַן.
זיי וועלן זען ווי שיין איך בין,
און שעמען וועלן זיי זיך —
איך זינג אויך, אַמעריקע.

אַלע װעגן

אַלע װעגן אױסגעטראָטן,
אַלע געטער אױסגעדינט —
בלײַבט: מײַן טונקל גרױער שאָטן,
װײַס פּאַפּיר און שװאַרצער טינט.

צו װאָס דער האַס און פּאַק און מי —
ניט קײן דאַך און ניט קײן בעט,
איז קײן זאַך פֿאַר מיר ניט פֿרי,
איז קײן זאַך פֿאַר מיר ניט שפּעט.

האָב איך ניט פֿאַרװאָס צו זאָרגן, —
ניט קײן װײַב און ניט קײן פֿרײַנט,
שרעקט מיך ניט דער גרױער מאָרגן,
לעב איך מיטן איצט און הײַנט.

אַלע װעגן אױסגעטראָטן,
אַלע געטער אױסגעדינט —
בלײַבט מײַן טונקל גרױער שאָטן,
װײַס פּאַפּיר און שװאַרצער טינט.

מײַן לעבן

קורץ זאָל זײַן מײַן לעבן,
ווי די קורצע מינוטן פון זון־אויפגאַנג;
און פּילפּאַרביק זאָל זיך וועבן
מײַן קורצער דאָ זײַן.

קורץ זאָל זײַן מײַן לעבן,
ווי דער אָטעם פון אַ יונג־פרוי
אין מינוטן פון לײַדנשאַפט,
ברויזנד שטורמיקע מאָמענטן.

קורץ זאָל זײַן מײַן לעבן,
ווי דער שאַרפער שניט פון בליץ,
ווי דער דונער־קנאַל וואָס פאָלגט,
ווי דער עכאָ וואָס צעשפּרייט זיך
איבער פעלד, און וואַלד און סטעפּ —
און פאַרגייט...

לאָלאַ

1

כוואַליעס גאָלד, די לאָקן אירע,
כוואַליעס זילבער, אירע ברוסטן,
און צוויי אויגן זינגען שירה
און צוויי ליפּן — רויזן קוסטן.

און צוויי אַקסלען — לילית־קינדער,
נאָר זיי הוידן זיך און וויגן,
פּיס צום טאַנץ און פלינק געשווינדער
פון צוויי יונגע, ווילדע ציגן.

2

אַט ביסטע פֿאַרצווייפֿלט, פֿול יאוש און פּיין,
אַט קינדערש פֿאַרשיים,
אַט קלאַפּט דיין האַרץ אַזוי נאָענט צו מיין
און אַט אַזוי ווייט.

אַט פֿלאַמט דיין אויג מיט אַ פֿייער פֿון זינד,
און דריקסט מיך אַזוי —
אַט קוקסטע אומשולדיק, ריין ווי אַ קינד,
שעמעוודיק, רוי...

אַט ביזט דו בייסנד, אַ גיפֿטיקע שלאַנג,
און ס'שרעקט מיך דיין בליק —
אַט ביסטע האַרציק, און קוקסט אַזוי באַנג
און שיינקסט מיר דאָס גליק.

עלנד, ברודער מיינער

יאָרן לאַנג, האָבן מיר אַ פונק געמונטערט,
איך מיט מיין עלנד.
יאָרן לאַנג, דורך ווירבל-ווינטן שטורמיקע,
וואַנדערנדיק שטאָט איין, שטאָט אויס,
האָבן מיר דעם פונק געמונטערט,
מיט די לעצטע קרעפטן ניט דערלאָזן צאַנקן.
יאָרן לאַנג, האָבן מיר געהאָפט,
איך מיט מיין עלנד:
קומען וועט, וועט די באַשערטע,
וועלן מיר ביידע, איך מיט מיין עלנד,
אויף די קני פאַלן
און דעם פונק פאַר אַ געשאַנק איר ברייננגן.
געקומען די באַשערטע:
איז מיין עלנד באַלד פון פרייד צעגאַנגן
און אין אירע ליכטיקע אויגן
פאַר זיך אַ נעסט געפונען —
און איך?
עלנד, ברודער מיינער!
איך האָב אייך ביידן פאַרלוירן,
דיך מיטן פונק וואָס מיר האָבן
יאָרן לאַנג געמונטערט —
יאָרן לאַנג.

מײַנע נעכט און טעג

שלײַדער מײַנע נעכט און טעג,
װי דורך אַ ריזיקן קאַנאַן,
און ניט זאָרג זיך, און ניט פֿרעג,
װעמען, װעמען גײט דען אָן —
הונט אין נאָרע, מויז אין לאָך,
חוץ מײַן פֿליק און גרויע האָר
װאָס האָב איך דען, װאָס האָב איך נאָך —
צו אַלדי שװאַרצע יאָר!

קויף אַ שמײכל פֿאַר אַ דרײַער,
בונטן ליבע פֿאַר אַ שילינג,
רײד זיך אײַן: דו ביסט אַ פֿרײַער —
באַלד, אָט באַלד װעט קומען פֿרילינג,
בױ אױף זאַמד און לופֿט אױס שלעסער,
פּאַק אָן ליבע — פֿולע פֿעסער!
— װאו איז מײַן חלק שור־הבר? —
צו אַלדי שװאַרצע יאָר!

דזשעז

קו־קי־רע־קי — סאַקסאָפאָן,
האָט צעקרייט זיך ווי אַ האָן:

ניט געכאַפּט זיך, טראָט באַ טראָט,
ווי פּאַיאַצן אַף אַ דראָט.

בייג זיך, נייג זיך, הער און הין,
ניט אַהער און ניט אַהין.

פּויק און פּייקל — בום! טיק טאַק,
ליפּ צו ליפּ און באַק צו באַק.

פידל פלייט און פיו־הו־הו,
מויל האַלב אָפן, אויגן צו.

קאַצן־יאָמער, שדים־הוסט,
קני צו קני און ברוסט צו ברוסט.

פלייט און פידל אַף צעפליים,
צאָן אויף אַקסל, קוש און ביים.

גרילץ און סקריפּ און בראַזג געברום,
פאָרווערטס, ריקווערטס, רונד אַרום.

זשאַבע־שפּרונג און קאַטשקע־שפּאַן,
גיי געשטאַנען, שטיי געגאַן.

פלוצלונג, אומדערוואַרטעט — אויס!
פאַרלאַך־טויש, אַפּסניי געשטויס.

מענטשעלע!

ס'האָט אַ ליִץ דאָס ליכט פאַרלאָשן, —
קרום זיך מענטשעלע — און לאַך!
דינג זיך פאַר אַ געלן גראָשן,
ווער און מעסט אַ יעדער זאַך.

ווער און מעסט אַ יעדער פיצל,
יעדער פיצל האָט זײַן ווערט —
קרום זיך מענטשעלע און וויצל
ס' האָט אַ ליִץ דאָס ליכט צעשטערט.

ס'איז דײַן שוועסטער ווערט אַ דרייער,
און דײַן ברודער — שקלאַפן־לוין,
בוק דיך מענטשעלע געטרייער
צו מאַמאָן'ס געל־שוואַרצע קרוין.

ש. ש.

אין די קנייטשן פון מיין שטערן,
דרעמלען מיינע יונגע טרוימען,
יונגע טרוימען, שטילע טויבן.
קיינער קאָן מיין רו מיר שטערן,
קיינער קאָן מיין וועג מיר צוימען
און מיין האָפנונג ניט רויבן —
קומט אַ שיינער מענטש אַנטקעגן,
רייסט מיין פרייד זיך פון די ברעגן.

אין מיין הארץ פון שטאָל געשמידט,
שפּראָצט אַ שנור פון תכלת־בלוי
פול מיט האָפנונג און גלויבן.
אַ פונק פון נר־התמיד גליט
אָנגעזאַפּט מיט שכינה־טוי,
קיינער קאָן דעם פונק ניט רויבן —
קומט אַ שיינער מענטש אַנטקעגן,
רייסט מיין פרייד זיך פון די ברעגן.

אין אַנדיינק

(רב פּנחס שאַמער)

שפּיל מיר אויס אַ טרויעריקס,
אַף הייליקע קלאַווישן —
ווער זשע וועט די בלעטער,
פון אַלטן ש״ס איצט מישן?

נאָך אַ איד אַוועק אַהין,
צום לאַנד פון רייך און אָרים —
בלייבט פאַר׳יתומ׳ט און אַליין
אַ שראַנק מיט אַלטע ספרים.

האַרץ, מיין האַרץ

כ'האָב מיין גוף צו הינט געשליידערט — בייסט און פרעסט!
אַלע תאוות נאָכגעגעבן — הוליעט געסט!
מיין האַרץ —
אין קייטן שווערע איינגעשלאָסן,
מיט זודיק הייסן בליי פאַרגאָסן,
האַרץ, מיין האַרץ,
אומרואיקע,
דערצאָרנטע.

אַלע תאוות נאָכגעגעבן — פלאַמט מיין האַרץ פון זינד,
טיף אין זיך די זינד פאַרבאָרגן, טויב און שטום און בלינד —
האָט דאָס האַרץ אַרויסגעברויזט אין זודיקן פראָטעסט,
און געשיקט מיר אַף באַזוך „שטימונגען“ אַלץ געסט —
האַרץ, מיין האַרץ,
דערבאַרעם זיך,
דערשטיק מיך ניט...

מיניאטורן

מיניאַטורן

1

איך.
איך דער אינגל, איך דער גרייז,
פעלזן־שטאַרק און מילבן־שוואַך;
הייסע בלוטן — קאַלט ווי אייז,
טרערן שטיקן — און איך לאַך!

2

מיין רו.
אין מיין אומרו ליגט מיין רו,
מיינעליידן — לייטער־שטריק,
שטייג איך אַף זיי העכער, צו
דערלייטערונג און גליק.

3

מיין טראַט.
וואָס פּוסטער אין הארצן אין לערער,
אַלץ מערער און מערער,
וואַקלענד און שווערער,
דער טראַט...

4

ברענט!
ברענט, ברענט פייערן,
כ'האָב אין פעלד קיין שייערן,
און קיין מויערן אין שטאָט,
און אין הימל ניט קיין גאָט,
און קיין מאַמען און קיין טאַטן,
און קיין ווייב ניט און קיין יאַטן —
ברענט, ברענט!
צו אַלדי שווארצע יאָר!

5

װעלט.

פון זאַט יוגנט בין איך גרוי,
אין מײַן גרױקײט בין איך יונג;
און מײַן טרער איז פרישער טױ —
שטעק איך אויס דער װעלט אַ צונג!

6

מײַן סוד.

ס'האָט מיר װער אַ סוד פאַרטרויט,
און דער סוד איז טיף און שײן;
אים אַנטדעקן װעט דער טויט,
װײַל דער סוד בין איך אַלײן.

7

אפשר.

יעדער פרוי אַ געטין, יעדער מאַן אַ גאָט,
יעדער קינד אַ מלאך, זויבער רײן,
יעדער וואָרט אַ נאָכקלאַנג פון די צען געבאָט,
יעדער פעלז—נשמה, האַרץ—אין יעדן שטײן.

8

צו . . .

בלויז אַ שפּאַן פון דיר, בלויז איין קלײנער שפּאַן,
און מײַן האַרץ פון דיר, איז איצט מײַלן ווײַט;
נאָך אַ טרוים אַוועק, ווי אַ ווײַסער שוואַן
אַ פאַרוואונדעטער — אין דער אײביקײט.

9

שטײנער.

דימענט שטײנער אויף די פינגער,
זעט די גאַנצע וועלט —
אויפן האַרץ, דער שטײן דער שווערסטער,
איז פון אויג פאַרשטעלט.

10

וויג ליד.

קינדער פירט מען באַ די הענט,
גרויסע בלאָנדזשען אום;
בלינדע טאַפּן שטומע ווענט —
איי־ליו־ליו, מײַן בלום.

אָפּגענאַרט

אין דעם טורעם פון מײן טרוים,
זײנען פּוסטן הויך פּאַררײסן,
יאָגט אום װילד מײן שטומער שאָטן
װי פון גיפטיק שלאַנג געביסן.

אָפּגענאַרטער שאָטן מײנער —
קלאַמערט ער זיך אײן אין װענט,
קראַכן פענצטער, בראַזגן שױבן;
פלאַקערט קנאַקנדיק דער ניפט —
פלאַמט און ברענט
װי אַ טרוקן סנאָפּ — אַ גלױבן.

אָפּגענאַרטער שאָטן מײנער —
זײנע פּוסטן אױפגעפּראַלט,
זײנע פינגער צװאַנגן שטײפע —
קלאַמערט ער זײ אײן מיט גװאַלט
און דערװערגט זײן אײגן האַלדז.

ווידער

ווידער וואַגל, ווידער וואַנדער —
ווי די וועגן ברייט און לאַנג,
שפּרייט מיין אומעט זיך פאַנאַנדער,
ציט זיך גרעניצלאָז מיין באַנג.

ווידער שטיקן קוואַלן טרערן,
און דאָס האַרץ איז שווער ווי בליי —
אַלטע וואונשן און באַגערן
וואַכן אויף אין מיר אַפסניי.

חנוכה־ליכט

ליכטעלאַך, ליבינקע, ליכטעלאַך טייערע,
זאָגט: וואָס באַדייטן די פייערלאַך אייערע?

צו זיינט איר אַן אָנדיינק פון צייטן גאַנץ ווייטע,
צו שלוחים פון קומענדע דורות באַפרייטע?

אַ גייסטיקער אָנדיינק פון לאַנג טויטע העלדן,
צו קומט איר פון צוקונפטע קעמפער אונדז מעלדן?

ליכטעלאַך ליבינקע, ליכטעלאַך טייערע,
זאָגט: וואָס באַדייטן די פייערלאַך אייערע?

צו זיינט איר גאָר אפשר די שטומע פּראָטעסטן,
פון אידישע קינדער אין גויאישע נעסטן?

שטומע פּראָטעסטן פון אור־אַלטע זיידעס,
וואָס צינדן אָן ליכטעלאַך, ברענענדע עדות,

און פרעגן זיך נאָך, און מאָנען און פאָדערן —
צו פליסט זייער בלוט נאָך אין אידישע אָדערן?

ליכטעלאַך ליבינקע, ליכטעלאַך טייערע,
זאָגט: וואָס באַדייטן די פייערלאַך אייערע?

אויגן שוואַרצע

(רוסיש, „אָטשי טשאָרניאַ")

אויגן צויבער־קראַפט,
פֿול מיט לײַדנשאַפֿט,
שוואַרצע, ברענענדע,
פּראַכטפֿול בלענדנדע,
כ׳פֿיל אי שרעק אי גליק,
אין איין אויגן־בליק —
אַ שלעכטע שעה געווען,
ווען כ׳האָב אײַך דערזען
טראַ, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ...

אויגן בעטנדע,
אויגן גלעטנדע,
שעלמיש און פֿאַרשײַט,
מאַניען ערגעץ ווײַט
וואו די ליבע רוט,
און ס׳הערשט קיין פּײַן,
רואיק, וואויל און גוט
וועט אונדז ביידן זײַן.
טראַ, לאַ, לאַ, לאַ, לאַ...

די נאַכט האָט טויזנט אויגן

(איינגליש—פ. וו. באָורדילאָן)

די נאַכט איז מיט טויזנט אויגן באַהעלט,
דער טאָג — איין איינציק אויג בלויז;
דאָך פֿאַרגייט דאָס ליכט פֿון גאָר דער וועלט
ווען די זון לעשט זיך אויס.

טויזנט אויגן פֿאַרמאָגט דער געדאַנק,
דאָס האַרץ איין איינציק אויג האָט;
דאָך דער קנויט פֿון גאַנצן לעבן צאַנקט
ווען ליבע איז באַנקראָט...

לאַנד, מײַן לאַנד!

לאַנד, מײַן לאַנד!
דײַן ערד, מײַן פּוס האָט קײנמאָל ניט באַטראָטן,
און אין ים־כּנרת, זילבער קלאָרן,
וואָלט דער אָפּגלאַנץ פון מײַן אומרואיקן שאָטן,
בלויז פאַרטונקלט דײַנע ערלאַכע אוצרן,
לאַנד, מײַן לאַנד!

לאַנד, מײַן לאַנד!
דײַנע שטאָלצע בערג און ברײטע טאָלן,
האָב איך ניט געקלעטערט, ניט געניִדערט,
אין לופט פון דײַנע אַפּאָסטאָלן,
האָט די עכאָ פון מײַן שטימע ניט געווידערט,
לאַנד, מײַן לאַנד!

לאַנד, מײַן לאַנד!
דער פלאַם פון דײַנע מוטיקע חלוצים,
האָט דאָס גלות־בלוט מײַנס ניט פאַרצערט —
טאָ וואָס־זשע וועלן העלפן איצט תּירוצים,
אַז איך בין די גאולה־צײַט ניט ווערט?...
לאַנד, מײַן לאַנד!

דער פרײַהײט מאַרש

(פון דײַטש—אַנאָנים)

אין מזרח גליט דער יונגער טאָג,
און מאָרגן־װינטן בלאָזן;
דער געזאַנג פון פײגל הערט זיך
איבער באַרג און טאָל.
מונטער, לוסטיק גײען מיר,
דאָס גאָלדן ליכט באַגריסן,
איבער רחבות'ן פון פלײן,
שװאונגט דער װידער־קול —
פּאַפּט, איר מאַכטיקע פון הײנט!
צו אונדז באַלאַנגט דער מאָרגן,
ס'בראװע יונגט ציט אין פעלד —
צו אונדז באַלאַנגט די צוקונפט!
לוסטיק, בראַװו, פּאַראױס, פּאַראױס!
מיט שנעלע טריט פון אמת,
אין יעדער הײזל, יעדער הױז,
דערגרײכט ס'פרײַע װאָרט!
מיט װילנס־קראַפט אין אונדזער האַרץ,
און שטאַרקן דראַנג נאָך פרײַהײט,
דונערט אונדזער קאַמף־געשרײ
און ברױזט פון יעדער מױל!
און װעט איר אונדז פון פרײַהײט װעג,
מיט קלעפּ און הינט פאַריאָגן —
מיר האָבן דאָך דעם װעג צום פאָלק,
דעם װעג צום פאָלק געפונען.
מיר האָבן פרײַהײט־זױמען טיף,
אין האַרץ פון פאָלק פאַרפלאַנצט —
זעט נאָר זעט, איר מאַכטיקע:
מיר שפּײַגן אַלץ און װאַקסן!

גוט מאָרגן!

(צו הירשעלע פּעסין)

שוין בלייכט זיך דער מזרח,
אין פּורפּורנע זוימען,
שוין טיילט אויס דער מלאך,
די לעצטע פּאָר טרוימען.

שוין מערקט זיך פון ווייטנס,
קוים וויגנד, דער קאָרן,
שוין רופט זיינע רינדער,
דער יונג מיט זיין האָרן.

עס יאָגט זיך און סאָפּעט,
אַ באַן ערגעץ וואו,
גרוסט זיך מיט יעדן:
פּיף־פּאַף, און טשו, טשו!

נאָך אַלעמען

זיינען דאָ פרילינג־טעג, יום־טוב'דיק ליכטיקע,
זיינען דאָ קינדערלאַך, שטיפערלאַך ציכטיקע,
זיינען דאָ מענטשן נאָך, אמת'ע ערלאַכע —
איז וואָס, אויב צייטנווייז, קומען טעג שווערלאַכע?

קומען אָפט רעגנדלאַך, ווארימע, קלאָרינקע,
באַטרונקען דאָס לאַנד, די ערד אָט די זינדיקע,
אַקערן מענטשן, און זייען און שניידן —
איז וואָס, אויב צייטנווייז, קומט אויס צו ליידן?

ניט וועק קיין האַס

אַך, מײַן גאָט, ס'גלויבט זיך קוים,
דאָך, ניט וועק אין מיר קיין האַס —
ס'איז געווען אַ פֿאַלשער טרוים,
ס'איז געווען אַ בייזער שפּאַס.

און מאַכט זיך, ס'פֿלאַמט אויף אין האַרצן אַ פֿונק,
פֿון הייליקן פֿײַער אַ זכר,
ס'דוכט מיר, איך מערק איר אַ ליבלאַכן ווינק,
און ס'שוועבט אום אַ שמייכל אַ בלייכער

אַף אירע ליפּן פֿול קינדערשן חן —
ראַכע! — אַך ניט וועק אין מיר קיין האַס,
ס'איז געווען דער חלום שיין
און געענדיקט זיך אין שפּאַס.

טצולייקא

(פון פערזישן דיכטער, מירטצא שאפי)

ניט מיט מלאכים, אין הויכן הימל בלוי,
ניט מיט רויזן, באפרישט מיט מארגן-טוי,
ניט מיט קלארן ליכט פון לויטער זון-שיין —
פארגלייך איך דיך טצולייקא, ליבסטע מיין!

ס'איז דעם מלאך'ס בוזעם, ליבע-לער און פוסט,
דערנער שטעכיקע אין יעדן רויזן-קוסט,
און די נאכט פארהילט דאס ליכט פון זון-שיין —
ביסט ניט גלייך צו זיי, טצולייקא, ליבסטע מיין!

איבער גאר דער וועלט, ניטא, ניטא איר גלייכן,
ניט אין וייטע לענדער, ניט אין טיפע טייכן, —
שיין און דארן-לאז, זון-שיין יעדער שטריך,
קאן זי בלויז פארגלייכן זעלבסט מיט זיך!

אוקראַינע

שוין פילע טעג און וואָכן און חדשים, אַז געקומען,
פון דער בלוטיקער אוקראַינע איז מיין חבר;
קוקן מיר זיך אָנעט ווי צוויי פרעמדע, און מיר שטומען —
מיינע ליפן זיינען איינגעקלעמט אין זשאַווער.

פון דער בלוטיקער אוקראַינע, פון מיין שטעטל, וואו פאַרבראַכט,
מיר האָבן אונדזער יוגנט דאָרט אינייינעם;
ווילט זיך מיר אים פרעגן וואָס, שווייג איך שטום און טראַכט—
און וואַג זיך ניט צו נאָכפרעגן אַף קיינעם...

שפּאַצירן מיר און שמועסן וועגן זאַכן אָן א זין,
און כאָטש מיר ווילט זיך פרעגן אים פון יענעם און פון דעם;
שמועסן מיר פון וועטער... און אַ ציגאַר־טוטין... —
האַרץ אין מויל צונויפגעפּרעסט אין זשאַווערדיקן קלעם

ווי פרעגט מען נאָך אַף אייגענע, אַף יוגנט־פריינט און שכנים,
ווען האַרץ איז בליי צעשמאָלצענער, און צונג איז קאַלטער צין?—
שטיי איך ווי פאַרשולדיגט און איך פרעג ניט נאָך אַף קיינעם—
שמועסן מיר פון וועטער... און אַ ציגאַר־טוטין...

יאַנקל דעם שמיד'ס זון

(אויסצוג פון אַ בריוו: דאָס האַרץ איז פול מיט האָפנונג, די שויערן מיט ווייץ... מיר האָבן אַ שטונדע רו אין פעלד. יאַנקל דעם שמיד'ס זון פאַרריכט איצט דעם טראַקטאָר, ער איז אויך דער ריכטער פון דאָרף...)

איך האָב געקאָנט דעם טאַטן זיינעם, דער שטאַרקסטער שמיד אין שטאָט,
פויערים בייזוויליקע, האָבן געציטערט פאַר זיין טראָט,

און אידן, העלדן זיידענע, פון מזרח־וואַנט, אין קלויז,
זיי האָבן זיך באַרימט און געהאַלטן מיט אים גרויס.

אַ שלאַנקער, אין זיין קוזניע דאָרט, שוין יאָרן לאַנג ער שטייט,
די קלאַנגען פון קאָוואַדלע, זיי פאַרהילכן ווייט און ברייט;

און ברעכט אויס אַ געשלעג אין מאַרק, און אידן שרייען גוואַלד!
קומט יאַנקל שמיד צולויפן און אַלץ ווערט רואיק באַלד.

דער זון זיינער, אַ שנעק נאָך דאַן, אַ יאַט פון אַ יאָר אַכט,
פלעגט קומען מיט זיין טאַטן גלייך און גרייט צו גיין אין שלאַכט!

***

איך פון װעג פאַרבלאָנדזשעטער, פאַרװאָרפן ערגעץ װײַט,
פלעג הערן נײַס פאַרשידענע, אַ גרוס פון צײַט צו צײַט:

פון טעג און נעכט אומרואיקע, פעטליורא און קאָלטשאַק,
פון הימנען רויט־אַרמייאיקע און פּוליעמיאָטן־קנאַק...

פון שטעטל איבערװאַנדערונג, פון ערד און פעלד און װייץ...
פון טראַקטאָרן, פון אויפקום און פון אויפבוי פול מיט רייץ —

און איבעראַל, און אומעטום, אין יעדן גרוס באַזונדער,
איין נאָמען לעגענדאַריש קלינגט און שיער ניט װי אַ װאונדער,

און בראַװ און מוטיק איז דער יונג און װערט גאָר קיינמאָל מיד,
דער שנעק, דער יאַט אַמאָליקער, דער זון פון יאַנקל שמיד.

אָ, יאָ, —
איך האָב געקאָנט דעם טאַטן זײַנעם, און אַ צװייג פון אַזאַ שטאַם,
איז טויזנט מאָל מער ריטמעריש פון דיכטערישן גראַם...

נול...

קרייצט מיך דורך א בלאנקער אומעט ווי א שארפע שפיז,
ראנגלט זיך אין שפין־געוועב א מיניאטורן־ריז.

שפרייט פאנאנדער זיך א חלל טיף אין מיר,
זינק איך אין מיין אייגן פוסטקייט טיף און טיפער,
וועפט זיך אוים מיין איך פון מיר, און איך שפיר
ווי איך ווער פארוואנדלט אין א רונדן ציפער,
און ארום מיר —
א מיש־מאש פון ברוין און גרוי און אש־קאליר...
— — — — — — — — — — — — — — — —
ראנגלט זיך אין שפין־געוועב א מיניאטורן־ריז.

רײַץ און גלי

רײַץ און גלי פֿון מײדל־סקני,
אין ריטמערישן גאַנג —
צו דיר, — צו דיר, אַף דײַן שפּאַציר,
מײַן ליד און מײַן געזאַנג.

באַ דײַן זײַט, װערט אױך באַנײַט,
און פֿריש מײַן טראָט סאָליד —
מיט דיר, מיט דיר, אַף אַ שפּאַציר,
פֿאַרשװינדט מײַן אײנזאַם ליד.

איך האָב געזען

איך האָב געזען אַ שוואַנגערדיקע פֿרוי,
פֿון אָפּשטאַם פֿון סלאַווישן,
וואָס האָט זיך געקניט און געבויגן,
און מיט ריטם אָקטאַווישן,
האָט זי געפֿירט מיט אַ באַרשט,
הין און הער, הין און הער,
געטונקען אין זודיקע וואַסער מיט זייף,
מיט שווייס און מיט טרער,
געבאַרשט הין און הער מיט אימפּעט
פֿון סלאַווישן ווילן —
אין אַ ריזיקער באַנק־הויז,
אַף מאַרמאָרנע דילן.

וואָס קלערט איצט דער צוקונפֿטער סלאַוו,
אין בויך פֿון זיין מאַמען באַהאַלטן?
דער בויך וואָס הייענגט איבער שטיינגן,
געצערטלט פֿון מאַרמאָר, פֿון קאַלטן —
מיר דוכט, אַט פּראַלט ער אַרויס,
דער צוקונפֿטער סלאַוו, אַפֿן דיל,
ראַש ווי די קריעס פֿון וואָלגאַ
ענדע אַפּריל!

אַז וואויל איז צו אים...

אַז וואויל איז צו אים, וועמענס ציל איז אַנטשידן,
און זיבער זיין שפּאַן איז, און לויטער זיין בליק,
וואָס שלאָגט דורך זיין וועג מיט טראָט מיט סאָלידן
און וואַקעלט זיך ניט, ווי פּאַיאַץ אויפן שטריק.

אַז וואויל איז צו אים, וואָס אַנקערט זיך איין,
מיט צוואַנג פון געווייסן, אין וואָרצלען פון אמת,
וואָס בלאָנדזשעט ניט אום און פאַלט ניט אריין
אין נעצן פון פלאָנטער און וואָרלאָזע סבעמעס.

אַז וואויל צו דעם אויער, וואָס קאָן שוין פאַרנעמען
דעם יובל פון מאָרגן אין גסיסה פון היינט;
און מעג עס באַם איינעגעם הארצן פאַרקלעמען —
סאָמף איז קאַמף, און אייגן בלוט — פיינט!

גראָטעסק

איך וועל ציען ווערטער ווי בורשטינענע קארעלן
אַף מיין לויכטענדיקן פאָדעם פון געדאַנק,
וועלן טירן שטיין פאַרגאַפּט אַף ברייטע שוועלן
און צעעפנען זיך ברייט פאַר מיין געשאַנק,

וועל איך וואַנדערן, אַ פרינץ אין בעטלער־טראַנטעס,
שטאָט איין שטאָט אוים ביז מיין לעצטער שעה;
וועלן אַלטע מיידלאַך ווערן מיינע טאַנטעס
און זיך אָנזאָגן די בשורה: ער איז שוין דאָ!

וועלן קינדער מיך באַגעגנען אין די גאַסן
און מעשות דערציילן בײַ מיר בעטן —
און אַלע זיי אינאיינעם וועלן שפּאַסן
וועל איך שטילערייט די קעפּלאַך זיי גלעטן.